פֿון כּהנים, אַ הייליקע אומה, אַן עם סגולה, כּדי
איר זאָלט אויסדערציילן די מידות פֿון אים, וועלכער
האָט אייך גערופֿן פֿונעם חושך אַרויס אין זיין וואונ־
10 דערלעכן ליכט אַריין; (שמות יט, ה־ו) (אייך), וואָס איר
זענט אַמאָל נישט געווען קיין פֿאָלק, איצט אָבער
זענט איר ג־טס פֿאָלק; וואָס אַמאָל האָט איר נישט
באַקומען קיין רחמים, איצט אָבער האָט איר יאָ
באַקומען רחמים. (הושע ב, כה)
11 געליבּטע, איך בעט אייך ווי גרים און תּושבים,
האַלט זיך צוריק פֿון די פֿליישלעכע תּאוות, וועלכע
12 האַלטן מלחמה קעגן דער נשמה; פֿירט אַ גוטן וואַנדל
צווישן די גוים, כּדי אין דעם, אין וועלכן זיי רעדן
אויף אייך ווי פֿון רשעים, דאָך, זעענדיק אייערע
מעשים טובים, זאָלן זיי אָפּגעבּן כּבוד צו ג־ט אינעם
טאָג פֿון רעכנשאַפֿט.
13 אונטערטעניקט זיך צו יעדער מענטשלעכער
אָרדנונג צוליבּ דעם האַר; סײַ צום מלך, ווי צו
14 אַן איבּערהאַר; סײַ צו גובּערנאַטאָרן, ווי צו שליחים
פֿון אים צו באַשטראָפֿן פֿאַרבּרעכער און צום לויבּ
15 פֿון די, וועלכע טון גוטס. ווייל אַזוי איז עס ג־טס
רצון, אַז מיט אייער טון גוטס זאָלט איר בּרענגען
צום שווייגן דאָס אומוויסן פֿון נאַרישע מענטשן;
16 אַלס פֿרייע (מענטשן) און דאָך נישט ווי איר וואָלט
געהאַט די פֿרייהייט ווי אַ צודעק פֿאַר שלעכטס,
17 נאָר ווי ג־טס קנעכט. גיט אַלעמען אָפּ כּבוד. האָט
ליבּ די בּרודערשאַפֿט. האָט מורא פֿאַר ג־ט. גיט
אָפּ כּבוד דעם קעניג.
18 איר קנעכט, זייט אונטערטעניק צו אייערע האַרן
מיט יעדער פֿאָרכטיקייט; נישט בּלויז צו די גוטע
און באַשיידענע אַליין, נאָר אויך צו די שלעכטע.
19 וואָרום דאָס דאָזיקע איז אַ חסד, ווען צוליבּ דעם